בעזרת השם יתברך

ספר

# אשר היה אל יואל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת וישלח, שנת תשפ"ג לפרט קטן,
אין וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**

בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
שבת קודש פרשת וישלח, שנת תשפ"ג לפרט קטן,
אין וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָא גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א.

## בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ו

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר׳ן דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי׳ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

### שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כו

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָרוֹן, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ: אִיךְ פַארְגֶעס שְׁנֶעל, זֵיי קוּקְן עֶס אָן ווִי אַ פְּרָאבְּלֶעם. אֲבָל בְּעֵינַי, יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳, וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִם הָיָה זוֹכֵר כָּל מַה שֶּׁעָבַר לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהָרִים אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ בְּשׁוּם אֹפֶן, אוֹיב וָואלְט מֶען גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן וָואלְט מֶען זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ טוּן גוּטֶע זַאכְן, ווַייל מֶען וָואלְט אַ גַאנְצְן צַייט גֶעטְרַאכְט: ׳אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס׳, גַּם הָיוּ מְבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם מְאֹד כָּל הַדְּבָרִים שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו, אוֹיךְ וָואלְט מֶען גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַלֶעס וָואס אִיז

אַריבֶּער, אֲבָל עַכְשָׁו עַל יְדֵי הַשִּׁכְחָה נִשְׁכָּח מַה שֶּׁעָבַר, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְט מֶען דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: וְאֶצְלוֹ הַדֶּרֶךְ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעָבַר וְהָלַךְ, נִפְסָק וְהוֹלֵךְ לַחֲלוּטִין, וְאֵינוֹ חוֹזֵר בְּדַעְתּוֹ עוֹד כְּלָל, בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלְטֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען הָאט מֶען מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן גֶעטְרַאכְט, וְאֵינוֹ מְבַלְבֵּל כְּלָל עַצְמוֹ עוֹד בַּמֶּה שֶּׁכְּבָר עָבַר וְהָלַךְ.

## מֶען גֵייט נִישְׁט צוּרִיק צוּ דִי ׳פַּחִים קְטַנִּים׳

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען זָאגְן אַ פְּשַׁט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לג, כה): ״וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ״, זָאגְט רַשִׁ״י: ״שָׁכַח פַּכִּים קְטַנִּים וְחָזַר עֲלֵיהֶם״, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן קְלֵיינֶע קְרִיגְלֶעךְ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי; וַוייל יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלְטֶע זַאכְן, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַלְטֶע מַעֲשִׂים, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם, אוּן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעקְרִיגְט מִיט אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן ׳שִׁכְחָה׳, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּרִיק צוּ וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אַז מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ פָּארֶען מִיט וָואס עֶס אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען, אִיז שׁוֹין דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם דָא, עֶר קְרִיגְט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים, אוּן עֶר ווִיל אִים שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז – דֶער עִיקָר וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: וְעִנְיָן זֶה הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה׳, דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע גוּטֶע עֵצָה אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כִּי עַל־פִּי רֹב יֵשׁ לְהָאָדָם בִּלְבּוּלִים רַבִּים וְעִרְבּוּב הַדַּעַת מְאֹד מִמַּה שֶּׁחָלַף וְעָבַר, בִּפְרָט בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, שֶׁאָז בָּאִים עָלָיו כָּל הַבִּלְבּוּלִים וּמְעַרְבְּבִים וּמְעַקְמִים אֶת דַּעְתּוֹ מִמַּה שֶּׁכְּבָר עָבַר, אַז אַ מֶענְטְשׁ

וֶועט גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶען אַז פִּיל צַייט – בִּפְרַט בִּשְׁעַת׳ן דַאוֶוענֶען, עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט וָואס עֶס אִיז גְעוֶוען. עֶס קוּמֶען אִין אִים אַרַיין אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים, לִפְעָמִים יֵשׁ לוֹ בִּלְבּוּלִים מֵעִנְיַן הַמַּשָּׂא־וּמַתָּן שֶׁלוֹ וְעִסְקֵי בֵּיתוֹ, (וְכַיּוֹצֵא, כַּאֲשֶׁר כִּי לֹא טוֹב עָשָׂה בְּעִנְיָן זֶה, וְכַיּוֹצֵא וְכָךְ הָיָה צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַדָּבָר), אַמָאל אִיז עֶס בִּלְבּוּלִים פוּן בִּיזְנֶעס, אַמָאל אִיז עֶס זַאכְן פוּן שְׁטוּב, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף ׳אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּן׳, ׳אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן אַנְדֶערְשׁ׳, ׳אִיךְ וָואלְט אִים וֶוען גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן בֶּעסֶער׳. וְיֵשׁ שֶׁמְּבַלְבְּלִים אוֹתוֹ בְּעֵת עֲבוֹדָתוֹ בְּתוֹרָה אוֹ בִּתְפִלָּה וְכַיּוֹצֵא, בְּהַפְּגָמִים שֶׁפָּגַם מִקֹּדֶם, כַּאֲשֶׁר שֶׁבְּעִנְיָן זֶה לֹא עָשָׂה כַּהֹגֶן נֶגְדּוֹ יִתְבָּרֵךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה מְאֹד. כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לְכָל אָדָם בְּעַצְמוֹ, אָדֶער אִיז אִים מְבַלְבֵּל מַחֲשָׁבוֹת אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גְעוֶוען, עֶר הָאט גֶעטוּן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט; אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נָאךְ בֶּעסֶער אַלֵיינְס זַיינֶע בִּלְבּוּלִים וָואס קוּמֶען אַרַיין צוּ אִים. עַל־כֵּן זָאגְט דֶער רֶבִּי, הַשִּׁכְחָה הִיא עֵצָה טוֹבָה גְדוֹלָה מְאֹד לָזֶה, שֶׁתֵּכֶף וּמִיָּד שֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר הַדָּבָר, יַעֲבִיר וִיסַלֵּק אוֹתוֹ מִדַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, וְיַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה לְגַמְרֵי. וְלֹא יַתְחִיל לַחֲשֹׁב עוֹד בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעִנְיָן זֶה כְּלָל. דֶערְפַאר אִיז שִׁכְחָה זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פַארְגֶעסְן זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, עֶר זָאל מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן מִיט גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז שׁוֹין גְעוֶוען. וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב, כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד.

## בְּרֵאשִׁית – אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט

מוֹהֲרָאשׁ פְלֶעגְט אוּנְז זָאגְן, מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְ׳ן אוֹת ׳ב׳ וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, ג) אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן מַה לְמַטָּה, מַה לְמַעְלָה, מַה לְפָנִים, מַה לְאָחוֹר, וָואס אִיז גְעוֶוען פַאר דִי וֶועלְט אִיז גְעוָוארְן בַּאשַׁאפְן, זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט מַצְלִיחַ

זַיין טָארְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, ׳בְּרֵאשִׁית׳, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, פוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעצְט גֵיין דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי מַאכְן הַבְדָלָה, אִיךְ גֵיי עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה, אִיךְ גֵיי זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אִיךְ גֵיי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ גֵיי אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אֵיי נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶר נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶר אֵייעֶר נֶעכְטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גוּט – עֶס אִינְטֶרֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט! אַז אִיךְ וֶועל צוּרִיק גֵיין צוּ דִי פַּכִּים קְטַנִּים, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן צוּ טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ בִּין יָא גוּט גֶעוֶוען׳, ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען׳, וֶועט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם קוּמֶען צוּ מִיר, עֶר וֶועט מִיךְ אַרָאפּ וַוארְפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תלז) עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט יֶעדֶע מָאל בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, זָאל עֶר זָאגְן פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבֵק בְּךָ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוֹיל", אוּן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע פְּרָטִים, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַזוֹי פַּארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מֶען דַארְף לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, בִּפְרַט יֶעצְט ווִינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן מַעֲרִיב וֶוערְט זֵייעֶר פְרִי, מֶען קֶען זִיךְ כַאפְּן סוֹף טָאג אַז דֶער טָאג אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אוּן מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא", – דָאס אִיז דֶער פַּארְמֶעגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ!

מֶען הָאט קוּים אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר, אוּן מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער בְּרֵאשִׁית, נֹחַ, לֶךְ לְךָ, וַיֵּרָא, חַיֵּי שָׂרָה, תּוֹלְדוֹת, וַיֵּצֵא, וַיִּשְׁלַח, עֶס אִיז

צַייט צוּ עֶפֶּענֶען יֶעדְן טָאג אַ חוּמָש, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## וֶוער לֶערְנְט אִין זַיין יוֹם הַחֻפָּה?!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חָתָן נֵרוֹ יָאִיר: מָארְגְן נאכְט הָאסְטוּ חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָש, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא.

אִיךְ גֶעדֶענְק, מֶען הָאט אַמָאל גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִין זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט צִי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָתָן אָדֶער דֶער חָתָן הָאט זִיךְ אַלֵיינְס אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֶערְנְט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זִיבְּן דַפִּים גְמָרָא אוּן גֶעזָאגְט אַ יוֹם תְּהִלִּים! מוֹהֲרָא״שׁ אִיז אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אוּן דִי גַאנְצֶע דְרָשָׁה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, אַז אַ חָתָן אִינְמִיטְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז אַזוֹי מְסוּדָר מִיט אַזַא יִשּׁוּב הַדַעַת, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ שִׂמְחָה קוּמְט עֶר קוֹים אָן צוּ לֶערְנֶען, עֶר טְרַאכְט: ׳יֶעצְט בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען, בַּאלְד וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין מְסוּדָר וֶועל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען׳, וֶוער לֶערְנְט אִין זַיין יוֹם הַחֻפָּה? וֶוער לֶערְנְט אִין זַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת?!

## אַ שִׁיעוּר אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא יוֹם כִּיפּוּר!

אִיךְ גֶעדֶענְק דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ זַאךְ וָואס אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חִידוּשׁ. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט אַז עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אוּן יוֹם כִּיפּוּר לֶערְנְט מֶען נִישְׁט; אִיךְ קוּם פוּן אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה, מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נָאר גֶעלֶערְנְט, אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א לֶערְנְט אוֹיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיין גֵיין אִין

קאַרלְסְבּוּרג וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרֶעפְן מַיין טַאטֶע זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט אֵיינֶעם, עֶר זִיצְט און לֶערְנְט און לֶערְנְט, פון דֶעסְט וֶועגְן יוֹם כִּפּוּר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען מֶען זָאל לֶערְנֶען, אָבֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש אוֹיף יוֹם כִּפּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז נָאךְ שַׁחֲרִית רוּפְט מֶען אוֹיס אַז מוּסָף אִיז אִין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַרוּם, און דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הָרַב ר' אֱלִיעֶזֶר אֵיידֶלְשְׁטֵיין שְׁלִיטָ"א זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט בָּחוּרִים, עֶר לֶערְנְט פָאר דֶעם דַף גְמָרָא, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע חִידוּשׁ, יוֹם כִּיפּוּר אַ דַף גְּמָרָא?!

מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת און אַבִּיסְל גְמָרָא, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט - אִיז דָאךְ גוּט, און אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - אִיז דָאךְ אוֹיךְ גוּט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "**שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר**", דער עִיקָר אִיז לֶערְנֶען, נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, און הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, און דֶער רֶבִּי זָאגְט: "**וּמִמֵּילָא יָבִין**", בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט זִיךְ דַיין קָאפּ עֶפֶענֶען, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה.

## יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ!

עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבוֹת, וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וָואלְט אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבוֹת, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין בָּחוּר וָואס זָאל אַוֶועק פַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט!

נָאר עֶס זֶענֶען דָא דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר וָואס מוּזְן זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם און עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ פַאר דִיר, - וָואס וִוילְסְטוּ פוּן דֶעם בָּחוּר?! וָואס וִוילְסְטוּ פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן?! לָאז אִים דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, לָאז אִים דוּרְכְגֵיין גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, גַאנְץ שַׁ"ס, בַּבְלִי און יְרוּשַׁלְמִי, מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ אַבִּיסְל מְסַדֵּר וִויפִיל צוּ לֶערְנֶען

יֶעדְן טָאג. וויפִיל מִשְׁנָיוֹת, וויפִיל דַפִּים בַּבְלִי, וויפִיל דַפִּים יְרוּשַׁלְמִי, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט דֶערְזֶעט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ ווִי עֶר עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר עֶס אָן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁטֶעלְט מֶען אַ 'יְרֵא שָׁמַיִם' בַּיים טִיר, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין לָאזְן קַיין מֶענְטְשְׁן, עֶר זָאגְן פַאר יֶעדְן: "עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי", "עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ פַאר דִיר" אוּן "מֶען דַארְף וויסְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פוּן דֶעם חֲלִישַׁת הַדַעַת בִּיז עֶר וויל אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

## וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם לֵייבּ?!

עַל כָּל פָּנִים, שִׁכְחָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען טָאר נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן, 'וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן פָּארִיגֶע וָואךְ', 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט טוּן צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק', 'אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּן', 'אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בֶּעסֶער טוּן', אַז דוּ קוּקְט אוֹיף צוּרִיק הָאסְטוּ שׁוֹין 'שָׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו', נִישְׁטָא קַיין צוּרִיק גֵיין, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶעבְּן.

דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ ב', וָואס אִיז אָפְן נָאר פוּן פָּארְאוֹיס, אִיךְ גֵיי וַוייטֶער, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַארְוָואס הָאט מֶען גֶענוּמֶען דֶעם לֵייבּ עֶר זָאל זַיין דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיּוֹת? וַוייל דֶער לֵייבּ הָאט אַ נַאטוּר אַז עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, עֶר שְׁטֵייט גְרָאד. דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אִיךְ גֵיי גְרָאד, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּקְן, 'אִיךְ וָואלְט אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן', אוּן 'אִיךְ וָואלְט אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן', אוּן גֵיי בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ קוּקְן וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים אִיךְ זִיךְ, וֶועט מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן אָמֵן.


כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה לידידינו היקר

הר"ר יואל טייטלבוים נ"י

מלמד מומחה בתלמוד תורה היכל הקודש

ברסלב קרית יואל

שנדב סכום הגון לכוללינו